כס"ד

| שבת נחמו |

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ואתחנן
י"ג אב תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:46 |
| מוצש"ק | 8:00 |
| ר"ת | 8:38 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:35 | סוז"ת א' | 9:57 |
| סוזק"ש ב' | 9:21 | סוז"ת ב' | 10:29 |

| די צייטן לויט די זומער זייגער |

גליון מס': צו
שנה ב'

## טיב הפרשה

# קח את יהושע וחזקהו ואמצהו

## די חובה פון א איד אין יעדן מצב

די וואכענדיגע סדרה הייבט מען אן מיט די בקשה פון משה רבינו אז ער זאל אים אריינלאזן אין ארץ ישראל.

נישט איינמאל און נישט צוויי מאל האט משה רבינו געבעטן די בקשה פון הקב"ה, ווי רש"י זאגט עדות האט משה רבינו געבעטן ביי הקב"ה מער ווי פינף הונדערט מאל, אז ער זאל אים אריינלאזן אין ארץ ישראל.

כמעט יעדע יאר שטעלט זיך אויס אז די פרשה פון 'ואתחנן' ליינט מען די שבת נאך תשעה באב, די שבת וואס מיר רופן אן 'שבת נחמו'. מיר ווייסן דאך אז ביי א איד איז נישט דא קיין צופאל, יעדע זאך איז מיט א חשבון און איך האב געטראכט אז עס קען זיין אז דיביידע זאכן זענען געבינדן איינס און די אנדערע.

ווען מען טראכט פון די תפילות וואס משה רבינו האט אוועקגעלייגט ביים רבוש"ע אז ער זאל אים אריינלאזן אין ארץ ישראל, קען מען זיך פארשטעלן אז די תפילות זענען נישט געווען א בלויזער געבעט, אז יעדע אזא תפילה איז געווען געבינדן מיט גרויסע כוחות, אז יעדע תפילה האט געהאט אין זיך א פרישקייט, א נייע דערהער, פארוואס הקב"ה זאל אריינלאזן משה רבינו אין ארץ ישראל.

רש"י אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין די געדאנק דערונטער פון די תפילה. מיר ווייסן דאך אז הקב"ה האט געזאגט פאר משה רבינו מיט א קלארקייט אז ער וועט נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, אבער דאך האט משה רבינו מתפלל געווען, טראכטנדיג אז נאך דעם וואס הקב"ה האט אים ערלויבט איינצונעמען סיחון ועוג, האט ער זיך פארגעשטעלט אז מעגליך אז יעצט קען ער יא.

די תפילות פון משה רבינו האבן עושה רושם געווען ביז ווען הקב"ה האט אים געזאגט, גענוג, 'אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה'.

די תפילות פון משה רבינו איז געווען אזוי שטארק אז הקב"ה האט אים געבעטן, גענוג, בעט מער נישט, רעד נישט צו מיר וועגן די זאך.

אונז זענען מיר צי קליין צו פארשטיין און אפצולערנען די באציהונגען צווישן משה רבינו און הקב"ה, אבער 'תורה הוא וללמוד אני צריך', און דא קומען מיר אן צו א שטארקע נקודה, איבער וואס מען קען זיך אפלערנען דא.

נאכ'ן איינרייסן וועלטן און זיך מתחנן זיין מיט'ן גאנצן הארץ און הערן אזא שארפער 'ניין', קען זיך דוכטן אז די וועלט האט זיך אפגעשטעלט. דער באשעפער זאגט פאר משה רבינו, ניין, איך געב דיר נישט נאך און לאמיר ענדיגן דא, אבער ניין! אין די זעלבע שמועס ווען ער באקומט די קאטעגארישער ניין, געבט הקב"ה א באפעל פאר משה רבינו וואס איז יעצט זיין אויפגאבע, אז יעצט זאל ער נעמען יהושע און אים מחזק זיין און מאמץ זיין, ווייל ער וועט זיין דער מנהיג פון כלל ישראל נאך זיין פטירה.

און דא האבן מיר א שטארקער לימוד, עס איז ריכטיג אז דו ביסט אנטוישט, דו ביסט עפעס אריבער, אבער פארגעס נישט אז דו האסט א פליכט און די זאך דארף אנגיין.

עס טרעפט זיך אסאך מאל אין דער לעבן פון א מענטש אז ער גייט אריבער א שוועריגקייט. אמאל איז עס אז מען פארלירט א קינד רח"ל אדער אז איינער פון די משפחה איז נישט געזונט ל"ע. ווען דער איד איז אין די צרה פאדערט זיך אז ער זאל טון וואס ער קען און וואס עס איז די השתדלות אין אזא מינוט, אבער אין די רגע אז די צרה קומט אן צו איר קלימאקס און מען פארלירט ליידער דעם נאנטן, האט א איד אן עבודה אין די צייט, אנצוגיין, ווייטערגיין מיט די עבודה פון זיין לעבן, ווייל יעדער איד איז דא אויף די וועלט מיט א תפקיד און די תפקיד איז דא אין יעדער צייט.

די געדאנק באגלייט שוין כלל ישראל אלע דורות, אבער בעיקר האט מען עס געזען נאך די ביטערע קריג. כלל ישראל האט געכאפט אזא זעץ, מען האט אזויפיל פארלוירן, עס איז געווען כללות'דיגע אבידה'ס, גאנצע קהילות זענען פארמעקט געווארן, עס איז געווען פריוואטע אבידה'ס, אידן האבן זיך געטראפן בעירום ובחוסר כל,

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

**נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי** א טאטע האט אמאל געצערנט אויף זיין זון, און אין זיין צארן האט ער אראפגעלאזט צוויי קלינגענדיגע פרעסק אויף די באקן פון זיין זון. נאך א שטיק צייט, האט דער טאטע געוואלט טרייסטן און שטארקן זיין זון, און ער האט געזאגט צו אים: וויסן זאלסטו מיין טייער קינד, אז איין פראסק האסטו יא געדארפט באקומען, אבער פון מיר האסטו באקומען א טאפלטן שטראף.

פרעגט אים דער זון: דערמיט ווילסטו מיר טרייסטן? נישט גענוג אז איך בין געשטראפט געווארן, נאר דו זאגסט מיר אז איך האב באקומען א גרעסערער שטראף ווי שטראף וואס איך האב געדארפט באקומען?

מיר זענען צובראכן און צוקלאפט, שטייענדיג געציילטע טעג נאכן חורבן, מיר פראבירן זיך צו טרייסטן פונעם שרעקליכן אומגליק וואס איז אונז געשען, אבער עס גייט אונז נישט, און דא קומט דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו אונז צו טרייסטן, זאגנדיג "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי.. כִּי לָקְחָה מִיַּד ד' כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ". און מיר פרעגן – וואספארא נחמה איז דאס אז מיר האבן באקומען א טאפלטער שטראף? דאס וואלט אונז דאך געדארפט נאכמער מצער זיין?

אן ענטפער אויף אט די פראגע, קענען מיר געפינען אין די ווערטער פון רש"י הק', וואס ער האט געברענגט פונעם תרגום "הֲרֵי קַבִּילַת כּוֹס תַּנְחוּמִין מִן קֳדָם ד', 'כְּאִלּוּ' לְקַח עַל חַד תְּרֵין בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ", זעען מיר אז לויט די ווערטער פונעם תרגום זענען מיר נישט פאקטיש געשטראפט געווארן מער ווי עס זיך אונז געקומען, נאר עס איז 'כאילו' מיר זענען טאפלט געשטראפט געווארן, און אזוי טרייסט אונז דער אויבערשטער אליין, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "אָנֹכִי אָנֹכִי הוּא מְנַחֶמְכֶם", און כדי אביסל 'ווייך צו מאכן' דעם שטארקן ווייטאג, זאגט אונז דער אויבערשטער אז מיר האבן באקומען א טאפלטער שטראף ווי דאס וואס עס קומט אונז, טראצדעם וואס מיר ווייסן אז אלעס וואס מיר זענען געשטראפט געווארן איז געווען בצדק וביושר.

פון דא לערנען מיר ארויס א וועג פאר אונז, אז צומאל דארף דער טאטע שטראפן זיין זון, און דער שטראף איז בארעכטיגט, אדער ווען ווערטער זענען געזאגט געווארן 'בין אדם לחבירו', איז אפילו אויב עס איז געווען ריכטיג און אויסגעהאלטן, דארף מען אבער דערנאך איבערבעטן דעם חבר אדער דעם זון, און מען זאל זיך נישט שעמען צו לייגן דעם שולד אויף זיך אליין, וויבאלד דאס איז פון די מידות פונעם אויבערשטן, אזוי ווי מיר האבן דא געזען, און דורכדעם וועט זיכער פארמערט ווערן ליבשאפט ביי אידן, און מיר וועלן זוכה זיין צו די אמת'ע נחמה בְּבִנְיַן צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם.

(עפ"י טיב התורה – הפטרת ואתחנן)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

איינער פון א ריזיגע משפחה, פון זיידעס, באבעס, פעטערס, מומעס, ברודערס און שוועסטער'ס, קינדער.
ביי אסאך האט עס ליידער אויסגעקלאפט זייער ביטער. זיי האבן זיך מייאש געווען. אבער ביי גרויסע חלקים פון כלל ישראל האבן יא געהאט די קוראזש, די כח אנצוהייבן פונדאסניי, איבערצומישן די בלאט און אנהייבן אויפסניי, און ברוך ה' אז זיי האבן מצליח געווען און אויפגעבויט א נייער דור און געזען פון זיי דורי דורות.
אויך איך האב אמאל געהאט א חלק אין דעם. מיט אסאך יארן צוריק, ווען איך בין נאך געווען א פרישער יונגערמאן, האב איך זיך געטראפן מיט א איד וואס האט איבערגעלעבט די ביטערע קריג. דער איד איז געווען שבור ורצוץ, ער האט נישט געוואלט הערן פון אויפשטעלן א נייער שטוב.
"צו וואס טויג מיר א שטוב? איך האב שוין געהאט א ווייב מיט קינדער, איך האב זיי אלע פארלוירן, צו וואס האב איך פון האבן נאך איינס, אז איך זאל זיי נאכאמאל פארלירן"? האט ער זיך באקלאגט.
נו, וואס קען איך אים זאגן, איך בין דאך נישט אריבער וואס ער איז אריבער? טראכטנדיג איבער וואס איך קען אים זאגן, איז מיר בייגעפאלן א ווילדער געדאנק.
"צי שעצסטו היטלער ימש"ו?
הערנדיג מיין פראגע איז אים דער בלוט ארויף אין קאפ, ער האט אנגעהויבן ארומגיין אין שטוב אהין און צוריק, מען האט געקענט זען ווי מען רירט ביי אים אן די געפילן.
איך האב געווארט א רגע ביז ער האט זיך בארואיגט.
"אויב דו האסט אים אזוי פיינט, פארוואס העלפסטו אים"?
"איך העלף אים"?
"יא, ער האט געוואלט פארניכטן כלל ישראל, א חלק האט ער אומגעברענגט בגוף און אנדערע בנפש. דיר האט ער געלאזט לעבן אבער דיין רצון האט ער געשאכטן, ער האט פארלאשן ביי דיר דאס ווילן פון אויפשטעלן אן אידישער שטוב".
מיינע ווערטער האט געטראפן אין פינטל. בשעתו האט ער נישט רעאגירט, אבער עטליכע טעג דערויף ווען ער איז געווארן א חתן, האב איך געוואוסט אז דער פייל האט דערגרייכט איר ציל.
דער איד האט זוכה געווען אויפצושטעלן א שיינער דור און זען נחת פון זיינע קינדער און אייניקלעך, אבער דער געדאנק איז די זעלבע, דער רבוש"ע וויל פון אונז אז מיר זאלן אנגיין.
דער לימוד לערנען מיר פון משה רבינו, אין די זעלבע מינוט ווען מען זאגט 'אל תוסף דבר אלי עוד' זאגט מען 'צו את יהושע' און דאס לערנט מען נאך די חורבן, דאס איז אונזער נחמה, מיר האבן טאקע נישט דעם בית המקדש, קיין קרבנות, קיין גילוי השכינה, אבער מען דארף אנגיין, ווייל אין יעדן מצב מוז מען אנגיין.
זאל הקב"ה געבן די כוחות אז מען זאל קענען אנגיין און זאל מען שוין קענען בקרוב ווערן אויסגעלייזט פון די לאנגע גלות.

## טיב ההתחזקות

די צרות – א סיבה זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטן

צו א גרויסן עושר וועלכער האט געהאט פילע פארמעגנס, איז געבוירן געווארן א בן יחיד ווען ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, און צו זיין פרייד און גליק איז נישט געווען קיין גרעניץ. דאס קינד איז געוואקסן לשם ולתפארת, ווען זיינע געטרייע עלטערן רינגלען אים ארום מיט ליבשאפט אן קיין סוף, און וואס ער האט נאר ארויסגעזאגט פון מויל האט ער גלייך באקומען. ווען ער איז געווארן גרעסער, האט ער זיך ליידער גע'חבר'ט מיט שלעכטע חברים, פאר וועמען עס איז געלונגען דורך זייערע פאלשע רייד אים איבערצורעדן אז ער זאל פארלאזן זיין ווארימע היים וואס איז פול מיט אלעם גוטן, און געניסן פון זייערע פארגעניגנס, וואס אין אמת'ן איז עס געווען פוסט און ליידיג.
דער טאטע – דער גרויסער עושר, איז געווארן שרעקליך פארקלעמט און פארוויטאגט, זעענדיג זיין טייער קינד ווי ער גליטשט און פאלט פון טאג צו טאג צוליב די שלעכטע חבורה. ער האט מיט אלע זיינע כוחות פראבירט איבערעדן זיין זון אז ער זאל זיך צוריקקערן צום גוטן וועג און עס וועט אים גוט זיין, ער האט אים געוויזן זיינע אלע אוצרות און ווערדפולע זאכן, אויך האט ער אים צוגעשטעלט ספעציעלע לערערס און מדריכים וועלכע האבן זיך שווער געפלאגט צוריקצודרייען זיין הארץ, אבער דאס אלעס האט נישט געהאלפן. אלע געבעטן און געוויינען פונעם טאטן זענען געפאלן אויף פארשטאפטע אויערן.
אבער איין טאג האט זיך דער זון צוריקגעקערט אהיים, און האט דארט אפגעטון זייער א הארבער זאך. עפעס וואס האט נישט געקענט דורכגיין אן א פאסיגער שטראף. איז דער צובראכענער טאטע געגאנגען, און אנגעכאפט זיין זון און האט אים פארטריבן פון זיין הויז מיט צארן, און אים שארף אנגעווארנט אז ער זאל זיך מער נישט וואגן איבערצוטרעטן זיין שוועל, איידער ער וועט טיף חרטה האבן אויף זיינע שלעכטע מעשים און בעטן מחילה.
דער זון האט זיך נישט קעגנגעשטעלט, נאר פונקט פארקערט – דערויף האט ער דאך שוין געווארט א לאנגע צייט. לויט די עצה פון זיינע שלעכטע חברים, האט ער שנעל פארלאזט דעם פלאץ, און האט זיך אנגעהויבן צו דערווייטערן פון די שטאט. פונעם פענסטער פון זיין הויז האט דער טאטע ארויסגעקוקט מיט ווייטאג, און זעענדיג די שנעלע טריט פון זיין זון האט ער פארשטאנען אז ער פלאנט נישט אזוי שנעל צו צוריקקומען. האט ער שנעל ארויסגעשיקט א לויפנדער שליח, און אים מיטגעגעבן אן אפגעשטאפטער בערזל מיט געלט און א רענצל פול מיט עסן און טרינקען, און אים געהייסן נאכגיין די טריט פון זיין פארלוירענער זון, און איידער ער וועט אנקומען צו זיין ארט, זאל ער אים דערלאנגען די טייערע זאכן און אים צו מעלדן ווער עס האט עס געשיקט.
ווען דער זון האט באקומען דעם טייערן געשאנק, האט ער גלייך פארשטאנען פון וואו עס קומט. צו זיין פרייד איז נישט געווען קיין גרעניץ – אויך פארטריבן געווארן פון הויז, און אויך באקומט ער פון זיין טאטן געלט און עסנווארג בשפע... און אזוי האט דער טאטע אלץ אויסגעפינען וואו זיין זון געפינט זיך, און אים כסדר געשיקט פעקלעך מיט עסנווארג, קליידער און געלט בשפע, כדי זיין טייער זון זאל זיך קענען אויפהאלטן אין זיין גלות.
אבער וויפיל דער טאטע האט רחמנות געהאט און אנגעשטאפט זיין ווידערשפעניג זון מיט גוטע עסן און אלעם גוטן – אלס מער האט זיך דער זון דערווייטערט, און איבערהויפט נישט געטראכט זיך צוריקצוקערן. האט דער צובראכענער טאטע צוזאמגענומען אלע זיינע פריינט און עצה-געבער, און אראפגעלייגט זיין געוואלדיגע צער וועגן זיין זון, בעטנדיג זיי אן עצה וויאזוי צו צוברענגען אז זיין זון זאל ווייניגסטנס שיקן א בענקענדיג בריוו אדער אביסל ארויסווייזן אז ער וויל זיך צוריקקערן צו אים.
האט איינער פון זיינע נאנטע חברים זיך אנגערופן: אויב וועסטו מסכים זיין צו אננעמען מיין עצה, אפילו אויב אין אנהייב וועט עס דיר זיין זייער שווער – וועסטו קענען צוברענגען דיין זון אז ער וועט זיך שוין וועלן צוריקקערן. און די עצה איז, אז צוביסלעך זאלסטו אויפהערן שיקן צו אים די פעקלעך און די קאנווערטן מיט געלט, און דעמאלטס – אין זיין ענגשאפט, ווען עס וועט אים באטרעפן צרות און דרוקעניש, וועט ער גלייך געפינען דעם וועג צו מאכן א פארבינדונג מיט דיר!
נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, האט דער טאטע צוגעשטימט דערצו. ער האט אנגעהויבן שיקן ווייניגער און ווייניגער פעקלעך צו זיין זון, אינעם ערשטן וואך האט ער אנגעהויבן שיקן ווייניגער קליידער, די צווייטע וואך האט ער געשיקט ווייניגער עסן, אינעם דריטן וואך – ווייניגער סארטן טרינקען, ביז עס איז געשען דאס וואס ער האט געווארט דערויף! נישט קענענדיג גלייבן וואס ער האלט אין האנט, האט דער טאטע געהאט א בריוו פון זיין זון! דאס איז געווען א קורצער בריוו, וואו דער זון בעט עפעס א קלייד וויבאלד עס איז אים זייער קאלט.
לויטן עצה פון זיין קלוגער חבר, האט דער טאטע ווייטער שווער געמאכט פאר זיין זון דורכן אים שיקן ווייניגער און ווייניגער זאכן אין די פעקלעך, ביז אין א טאג זענען געהערט געווארן שוואכע קלאפעריין אין טיר, און ווער האט געבעטן אריינצוקומען – דער פארלוירענער זון, וועלכער האט זיך ארויפגעווארפן אויף די אקסלען פונעם ליבן טאטן, און געבעטן מחילה פון די טיפענישן פון זיין הארץ, און דערביי האט ער צוגעזאגט אז ער וועט אים קיינמאל נישט פארלאזן און נישט ווידערשפעניגן זיינע רייד. ווייל ווירקליך, דאס ארימקייט און דרוקעניש האט צוריקגעברענגט דאס קינד צום שויס פון זיין טאטן.
אונזער טאטע אין הימל האט אונז אנגעזאגט דורך זיינע נביאים, און האט זיך געבעטן אז מיר זאלן זיך צוריקקערן,

| המשך אין עמוד ג' |<

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## די 'וואנט' האבן אויערן

האלטנדיג עטליכע יאר נאך מיין חתונה און נאך איידער איך בין זוכה צו האלדזן א קינד, בין איך מוצאי תשעה באב געווען ביים כותל.
אינאיינעם מיט אנדערע אידן האב איך געזאגט תהלים, איך האב זיך אויסגעגאסן דאס הארץ.
דערגרייכנדיג די ווערטער 'ועל בן אימצת לך', בין איך שטיין געבליבן טראכטנדיג אז 'אימצת' איז א לשון פון 'אימוץ' א לשון אדאפטירן.
פארוואס זאל שטיין אזא לשון? פארוואס זאל נישט שטיין געהעריגע קינדער, מיר זענען דאך די קינדער פון הקב"ה, ווי עס שטייט 'בנים אתם לה' אלקיכם'.
טראכטנדיג אזוי וואס דער ענטפער קען זיין הער איך ווי א טאטע שמועסט אויס די זעלבע שאלה מיט זיין קינד. דער טאטע פרעגט אים די שאלה און זאגט אים צוויי שיינע הסברים, אזאנע וואס לייגן זיך שיין אויפ'ן שכל און פארענטפערן די שאלה.
איך האב געהאט די געפיל אז דער טאטע רעדט טאקע מיט'ן זון, אבער הקב"ה פירט עס אזוי, אז איך זאל עס הערן, ווייל ער רעדט צו מיר.
די הרגשה אז הקב"ה איז מיט מיר, אז איבעראל ענטפערט ער מיינע שאלות, האט מיר שטארק מחזק געווען און ערמוטיגט, איך בין אהיים פון דארט פול מיט האפענונג און דערהויבנקייט.
איך האב געהאט די געפיל אז אויך מיין קלעמעניש זעט הקב"ה און ענדע וועל איך אויך זוכה זיין צו זען די ישועה אויף וואס כ'ווארט שוין אזוי לאנג.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.ל]

**די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים**
**מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה**
**ספּואלס אין פקס: 15326517922**

# טיב המעשיות

## שַׁבָּת - נַחֲמוּ

"שבת – נחמו", ווערט גערופן אויפן נאמען פון די הפטרה וואס מיר זאגן אין דעם שבת: (ישעיה מ, א) "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם וכו'", אזוי ווי שַׁבָּת הַגָּדוֹל און שַׁבָּת שׁוּבָה ווערן אנגערופן אויפן נאמען פון די הפטרה וואס מען ליינט אין זיי, כידוע.

דער נאמען פונעם שבת ווייזט אויך אויפן מהות פון דעם טאג, דאס הייסט אז דער שבת קודש אליין האט אין זיך א כח פון נחמה. אזוי ווי דער מהרש"ל שרייבט (בהגהותיו לטור או"ח סימן רפ"ז) אז ווען טרייסט די אבלים אום שבת, זאל מען זאגן ארויסגייענדיג: "שַׁבָּת הִיא מִלְּנַחֵם, וְנֶחָמָה קְרוֹבָה לָבֹא". און אזוי פסק'נט דארט דער ב"ח, זע משנה ברורה (שם ס"ק ג). דאס הייסט, אז עס איז 'שבת' און עס פעלט נישט אויס צו 'טרייסטן', וויבאלד מיטן כח פונעם שבת זעלבסט איז 'נחמה קרובה לבוא'.

אין די הפטרה איז שטענדיג מרומז דער ענין פונעם שבת און די וואך, כידוע, און וויבאלד דער שבת ברענגט מיט אירע פליגלען נחמה, ישועה און היילונג פאר אידישע הערצער און זעלן, דעריבער ווערט זי אנגערופן מיטן נאמען: "שבת – נחמו". אזוי ווי מיר זאגן ביי די תפלה פון 'רצה': "וְהַרְאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ בְּנֶחָמַת צִיּוֹן עִירֶךָ כו', כִּי אַתָּה הוּא בַּעַל הַיְשׁוּעוֹת וּבַעַל הַנֶּחָמוֹת".

דער הייליגער תפארת שלמה שרייבט (פרשת תצא), אז עס ווערט געברענגט אין כתבי האריז"ל, אז אויך היינטיגע צייטן ווען מיר האבן נישט דער בית המקדש, פונדעסטוועגן ווערן אלע יחודים און זיווגי המידות העליונים געטון און ווערן מתוקן אינעם טאג פון שבת קודש, אזוי ווי עס איז געטון געווארן אינדערצייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, און דער ענין איז פארשטענדליך פאר די יוֹדְעֵי חֵן.

דעריבער, שרייבט ווייטער דער הייליגער תפארת שלמה, זענען אלע תיקונים אום שבת זייער הויך און דערהויבן, אזוי ווי חז"ל זאגן אין מסכת שבת (קיח:) 'כָּל הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו', ווייל אויך דער טיש פון א מענטש איז צו פארגעבן אויף זיינע זינד, אזוי ווי דער מזבח, און דאס איבעריגע איז פארשטענדליך. וואויל איז דער וועלכער איז זוכה דערצו, צו היטן דעם שבת אזוי ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות לא, יז) 'אוֹת הוּא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם'. און אין די זמירות פון ליל שבת קודש זאגן מיר 'כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אֹתוֹ, מְשֹׁךְ חַסְדְּךָ וכו'', ווייל דער וואס היט שבת איז ממשיך די חסדים אזוי ווי אינדערצייט פונעם בית המקדש.

און ער פירט אויס, אז דאס איז פשט אין דאס וואס מיר זאגן ביי די תפילה פון "לכה דודי", 'רַב לָךְ שֶׁבֶת בְּעֵמֶק הַבָּכָא', גרויס איז פאר דיר דאס זיצן אפילו אין די טיפעניש פונעם גלות, ווייל אויך דעמאלטס איז דער כח פון שַׁבָּת זייער גרויס. און דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק (ויקרא יט, ל): 'אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ', א לשון פון זען, און אלעס שטימט צוזאמען, ווייל ווער עס איז זוכה צו שבת דער איז זוכה צום בית המקדש. און דאס איז וואס חז"ל האבן געזאגט אין מסכת שבת (י:) 'מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי וְשַׁבָּת שְׁמָהּ'. דאס הייסט אז אויך "בבית גנזי", ווען דער בית המקדש איז באהאלטן און מיר זעען עס נישט, האבן מיר דעם כח פון שבת אזוי ווי אינדערצייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען. ביז אהער פונעם הייליגן תפארת שלמה.

•••

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה האב איך געהערט פון הרב קאפלאן זצ"ל.

יונגערהייט, האט הרב קאפלאן געלערנט אינעם באוואוסטן 'מירער ישיבה', אין די שטאט מיר אין ליטע, און ווי דער שטייגער אין יענע צייטן זענען די בחורים פון די ישיבה געווען צושפרייט צווישן די הייזער פון די בעלי בתים אין שטעטל, וואו זיי זענען איינגעשטאנען און געווען מסודר מיטן עסן 'טעג' כידוע.

דער בעל האכסניא פון הרב קאפלאן איז געווען א פארמעגליכער איד, וועלכער איז געווען א גרויסער סוחר, און ער פלעגט אפט ארויספארן זיך צו באטייליגן אין די פארשידענע ירידן וועלכע זענען אפט פארגעקומען אין די פארשידענע שטעט.

איינמאל איז ער געוואויר געווארן איבער א גוטן יריד וואס גייט פארקומען אין איינע פון די נאנטע שטעטלעך אום ערב שבת קודש. דער איד האט געשאצט אז ער וועט דארט קענען זייער שיין פארדינען, וויבאלד קיין איינער פון די סוחרים וואס האט געפלאנט דארט צו קומען, האט נישט געהאנדלט מיטן זעלבן סארט סחורה ווי ער, און וויבאלד ער וועט דארט נישט האבן קיין קאנקורענטן וועט ער דארט זייער שיין פארדינען.

זיין ווייב, די בעלת הבית, פון די אנדערע זייט, האט שטארק געקווענקלט דערויף, טענה'נדיג אז מעגליך וועט ער זיך דארט פארזוימען לאנגע שעות אינעם האנדל, און וועט נישט אניאגן אהיימצוקומען פאר שבת. ער האט איר אבער פארזיכערט אז דאס וועט נישט געשען, און האט איר צוגעזאגט אז ער וועט אוועקגיין פון דארט גענוג פרי, און וועט אהיימקומען בעזרת השם צו דער צייט, אסאך פריער ווי דער צייט וואס דער שבת קודש קומט אריין.

ביי חצות היום אום ערב שבת קודש, ווען הרב קאפלאן האט זיך צוריקגעקערט פונעם היכל הישיבה צום אכסניא, כדי זיך צו גרייטן צום שבת המלכה, האט ער געזען ווי די בעלת הבית איז זייער באזארגט, ווען יעדע עטליכע מינוט איז זי ארויסגעגאנגען אינדרויסן, צו זען אויב איר מאן איז שוין צוריקגעקומען, און זי איז געווען זייער אנגעצויגן.

נאכדעם וואס זי האט אים עטליכע מאל געבעטן אז ער זאל ארויסקוקן אויב איר מאן קומט שוין אן, און ער האט געזען ווי שטארק באזארגט זי איז, האט ער זיך אביסל געוואונדערט דערויף, און האט איר געבעטן אז זי זאל ערקלערן פארוואס דאס מאכט איר אזוי דערשראקן און דערציטערט? דער טאג איז נאך גרויס, און ביז דער שבת קומט אריין איז נאך דא מער ווי זעקס שעה, פארוואס איז זי אזוי אנגעצויגן?

האט די פרוי אים געגעבן צו פארשטיין, און האט אים דערציילט די פאלגנדע מעשה:

נאך פילע יארן פוןווארטן אויף קינדער, האבן מיר זוכה געווען צו האלזן אונזער קינד אין א מזל'דיגע שעה, אבער צום גרויסן ווייטאג איז ער געבוירן געווארן מיט א לאך אין הארץ, לא עלינו, א שווערער פעלער פון געבורט. מיר זענען געפארן מיט אים צו די בעסטע פראפעסארן, נישט שפארנדיג דערביי קיין געלט און טירחא, אבער צום גרויסן באדויער, האבן אלע דאקטוירים קלאר באשטימט, אז עס איז נישטא קיין שום מעגליכקייט צו ראטעווען דאס לעבן פונעם קינד, ווייל איינער וואס איז געבוירן געווארן מיט א 'לאך' אין הארץ, איז נישטא קיין שום מעגליכקייט אז ער

| המשך אין עמוד ד' |>

און האט אונז אנגעווארנט פון פאראויס איבערן גלות און דער חורבן, אבער מיר האבן ענדערש פארשטאפט אונזערע אויערן און מיר האבן אויסגעוועלט נישט צו גלייבן צו די מוסר-רייד פון די נביאים. איז נישט געווען קיין ברירה, נאר חרוב צו מאכן דעם בית המקדש און פארברענען אונזער היכל, כדי אונז צו ראטעווען פון פארלענדונג, און דעמאלטס איז מקוים געווארן אין אונז דער פסוק וואס שטייט אין ירמיהו: "שַׁלַּח מֵעַל פָּנַי וְיֵצֵאוּ", און מיר זענען פארטריבן געווארן צו א לאנגע גלות און די מידת הדין האט זיך געשטארקט.

אבער א טאטע בלייבט א טאטע – און מיט זיין גרויס רחמנות, וואו מיר זענען נאר אנגעקומען, איז ער 'אנגעקומען' צו אונז, און אין יעדן ארט וואו מיר זענען פארוואגלט געווארן, האט ער געשיקט צו אונז 'פעקלעך' און 'אוצרות' כדי מיר זאלן זיך קענען האלטן אין אונזער ביטערן גלות, דא איז אונז געלונגען רייך צו ווערן, און דארט האבן מיר זיך אוועקגעשטעלט מיט בליענדע געשעפטן.

און דער טאטע אין הימל שטייט און ווארט: ווען וועלן מיינע ליבע קינדער וועלן אהיימגיין? עס איז זיי גוט דארט, אבער פארוואס ווילן זיי נישט מיין נאנטקייט און מיין גאולה?! און דער טאטע האט גרויס צער ווען די קינדער זענען אין גלות, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (ברכות דף ג) – "שָׁמַעְתִּי בַּת קוֹל שֶׁמְּנַהֶמֶת כְּיוֹנָה וְאוֹמֶרֶת: אוֹי לָהֶם לַבָּנִים שֶׁבַּעֲווֹנוֹתֵיהֶם הֶחֱרַבְתִּי אֶת בֵּיתִי וְשָׂרַפְתִּי אֶת הֵיכָלִי וְהִגְלֵיתִים לְבֵין הָאֻמּוֹת... מַה לּוֹ לְאָב שֶׁהִגְלָה אֶת בָּנָיו, אוֹי לָהֶם לַבָּנִים שֶׁגָּלוּ מֵעַל שֻׁלְחַן אֲבִיהֶם"...

מיט זיין גרויס רחמנות, האט דער טאטע באשלאסן, אז ער וועט אביסל פארמינערן מיטן שיקן די אנגעפילטע פעקלעך, און אזוי האט ער געמאכט ווייניגער דער גשמיות'דיגער שפע, כדי מיר זאלן שפירן צער און דרוק, און נאר אזוי וועלן מיר אויפהייבן די אויגן צום הימל און פארלאנגען זיין נאנטקייט און די ענדע פונעם גלות. און אזוי זעען מיר מיט אונזערע אויגן, פון טאג צו טאג און פון חודש צו חודש, דעם פארשטערקערנדע דרוק אין יעדן הויז און אין יעדן קעשענע, די טייערע פרייזן ווערט אלס העכער און העכער, די גזירות דרוקן מער און מער, און וויפיל מען ארבעט שווער און מען פראבירט פארדינען נאך אביסל געלט איז אֵין הַקֹּמֶץ מַשְׂבִּיעַ און אֵין הַפְּרוּטָה מְצוּיָה, זאל דער אויבערשטער רחמנות האבן און זען אונזער פלאג און דרוקעניש, און די סיבה דערצו איז, ווייל דער טאטע ווארט און וויל אז מיר זאלן זיך צוריקקערן צו אים. מיר זאלן גלוסטן און לעכצן צו די גאולה שלימה. מיר זאלן האפן און ווארטן פאר די גאולה וועלכע וועט ברענגען א סוף און עק צו אלע צער און צרות.

דערמיט ערקלערט דער הייליגער דובנער מגיד זי"ע דער פסוק וואס שטייט אין אונזער פרשה: "בַּצַּר לְךָ וּמְצָאוּךָ כֹּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ" – ווען עס וועט חלילה זיין ענג פאר אידישע קינדער, אין דרוקעניש און צרות, און עס וועלן באטרעפן די אלע צרות, דעמאלטס – וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ, דורכדעם וועלן מיר זיך קענען צוריקקערן צום אויבערשטן מִתּוֹךְ הַדְּחָק און פארלאנגען זיין נאנטקייט, און עס וועט זיין הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה, במהרה בימינו אמן.

וועט אזוי קענען לעבן!!!

זעענדיג דעם שרעקליכן מצב, האבן מיר גענומען אונזער קינד און מיר זענען געפארן מיט אים קיין ראדין, צום רבן של ישראל דער הייליגער חפץ חיים זצוק"ל, וועלכער איז שוין דעמאלטס געווען אין זיינע לעצטע יארן. ער האט שוין דעמאלטס כמעט גארנישט געהערט, און דעריבער האט מען נישט ערלויבט פארן אלגעמיינעם ציבור אריינצוגיין צו אים אזוי ווי אין די פריערדיגע יארן. זיינע הויז-מענטשן זענען זייער שטארק געשטאנען דערויף, אז קיינער זאל אים נישט שטערן, צוליב זיין גרויס שוואכקייט.

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין ראדין, האבן מיר זיך געשטעלט אינדרויסן פונעם צדיק'ס הויז, נישט וויסנדיג וואס צו טון, ביז צו אונזער גרויס פרייד איז פלוצלונג דארט ערשינען איינער פון די אייניקלעך פונעם חפץ חיים, וואס ווען ער האט אלס בחור געלערנט אין דער מירער ישיבה האט ער זיך אויפגעהאלטן אין אונזער הויז פאר א לאנגער צייט, און יעצט ווען ער האט געזען ווי מיר שטייען דארט אזוי אויפן גאס אין ראדין, און ער האט געהערט פון אונז פארוואס מיר זענען געקומען, האט ער אונז גענומען פון די אנדערע זייט און אונז אריינגענומען אין הויז פון א באהאלטענע טיר, כדי דער שמש וועלכער איז געשטאנען ביים הויפט אריינגאנג, זאל אונז נישט באמערקן.

ווען מען האט אונז אריינגעברענגט אֶל הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה, איז דער אייניקל צוגעגאנגען און האט זיך דערנענטערט צום בענקל פונעם צדיק, און האט אנגעהויבן אריינשרייען אין די אויערן פונעם זיידן, מיט א הויכע שטימע, איבער די גרויסע צרה וואס האט אונז באטראפן.

ווען דער הייליגער חפץ חיים האט געהערט איבער וואס עס רעדט זיך, האט ער אנגעהויבן צו זאגן מיט א ווייכע און זיסע שטימע: קינדער לעבן, פארוואס זאלט איר בעטן פון מיר א ברכה? דער שבת קודש איז דער מקור הברכה! זייט מקבל אויף אייך ארייַנצוברענגען דעם שבת פריער, און צולייגן א הידור אין תוספת שבת, און דורכדעם וועט איר באקומען די ברכה פונעם שבת אליין! אזוי ווי רבי מאיר בעל הנס זאגט קלאר אין דעם ערשטן פרק פון מסכת שבת (יב.): "יְכוֹלָה הִיא שֶׁתְּרַחֵם", זע דארט אן די מפרשים.

מיר האבן טאקע מקבל געווען אויף זיך 'תוספת שבת', אריינצוברענגען דעם שבת פרי, און ברוך השם דער קינד איז געזונט און שטארק כְּאַחַד הָאָדָם, און ער ווייסט נישט פון קיין שום קרענק אדער פראבלעם. פון דעמאלטס און ווייטער געבן מיר זייער אכטונג אפצוהיטן די קבלה וואס דער הייליגער חפץ חיים זצוק"ל האט אונז באפוילן, וויסנדיג קלאר אז דערמיט זענען מיר זוכה אז דער שבת היט אפ אונזער קינד.

א שטיק צייט שפעטער – האט די מאמע ווייטער דערציילט – האבן מיר באזוכט ביים פראפעסאר וועלכער האט באהאנדלט דעם קינד נאך זיין געבורט, און האט דעמאלטס באשטימט אז דער קינד האט נישט קיין אויסזיכט צו לעבן. ער האט יעצט געמאכט נאכאמאל זיינע אונטערזוכונגען, און נאכן זען אז אלעס איז אינעם בעסטן ארדענונג, און דער קינד איז פולשטענדיג געזונט, האט דער דאקטער געזאגט אז דאס איז נישט דער זעלבער קינד וועמען ער האט באהאנדלט, נאר מיר האבן אים אויפגעטוישט אויף אן אנדער קינד!

אבער נאכדעם וואס איך האב אים דערציילט איבער די ברכה וואס מיר האבן באקומען פונעם הייליגן חפץ חיים, אין זכות פון שמירת שבת, האט זיך דער פראפעסאר אנגערופן: יעצט פארשטיי איך שוין אלעס! וויסן זאלט איר, אז איך טו שוין אינעם פעלד פון היילונג פאר צענדליגער יארן, און איך קען דעם פראבלעם אזוי ווי איך קען מיין אייגענעם האנט-פלאך, און עס איז נישטא קיין שום מעגליכקייט לויטן נאטור, אז א מענטש זאל קענען לעבן מיט א הארץ וואס איז געלעכערט! וויבאלד איינס פון די י"ח טריפות איז דאך "ניקב הלב" (חולין מב. יו"ד סי' מ ס"א). – אבער דער חפץ חיים ארבעט נישט לויט די ספרי הרפואה, נאר ער פירט חשבונות פון גאר אן אנדער סארט, וועלכע ווענדן זיך לויטן נאטור פון די נשמה וועלכע איז דער שורש פונעם לעבן און דאס געזונט פונעם קערפער. און מיט זיין תורה געפינט ער די פאסיגע היילונגען פאר אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים פונעם מענטש, וואס זענען אפהענגיג אין די רמ"ח מצוות עשה און שס"ה מצוות לא תעשה. און פון דארט האט ער געברענגט א וואונדערליכע רפואה און געזונט, למעלה מדרך הטבע, פארן קינד, מיטן כח פונעם שבת און דער כח פון די צדיקים!

– דעריבער, האט די חשוב'ע מאמע אויסגעפירט, בין איך יעצט אזוי באזארגט, אז מיין מאן זאל קענען צוריקקומען פונעם ירִיד ווען עס איז נאך גענוג פרי, כדי ער זאל זיך קענען צוגרייטן אזוי ווי עס דארף צו זיין, און פארענדיגן אלע זיינע הכנות צום שבת קודש, צום פאסיגן שעה וואס מיר האבן באשטימט צו מקבל זיין פני שבת מלכתא!

•••

אין מיינע יונגע יארן, אינעם געגנט פון די אונגארישע הייזער אין ירושלים עיר הקודש יצ"ו, אין איינע פון די לאנגע שבת נאכמיטאג'ס, האב איך געזען ווי הרה"צ רבי עמרם בלויא זצ"ל, איז אראפגעגאנגען פון זיין הויז וואס איז אויפן העכסטן שטאק, און ער האט זיך געדרייט אהין און אהער ווי איינער וואס זוכט איינעם. בין איך צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: וועמען זוכט דער רב?

האט מיר רבי עמרם געענטפערט: פונעם פענסטער פון מיין הויז האב איך געזען איינער פון די קינדער וועלכער איז געשטאנען דא אונטן אין הויף, ווי ער רייסט אומווילנדיג אראפ א בלום וואס איז דארט געוואקסן. יעצט זוך איך דעם יונגל, כדי אים צו ערקלערן אז דאס איז אסור צו טון אום שבת קודש!

האב איך געטראכט צו מיר: דער רב איז דאך שוין אן עלטערער איד, און דא האט ער זיך מטריח געווען אראפצוגיין אלע טרעפ פון זיין הויז ביז דא, און יעצט איז ער נישט רואיג ביז ער וועט טרעפן דעם יונגל, כדי אים צו זאגן אז מען טאר נישט אראפרייסן א בלום אום שבת... מעגליך קען איך פארגרינגערן אביסל אויפן רב!

האב איך אים געבעטן אז ער זאל מיר פאָרשטעלן וויאזוי דער יונגל זעט אויס, און איך האב אים פארשפראכן אז איך וועל איבערגעבן זיינע רייד פארן יונגל, איבערן הארבקייט פונעם איסור, און ווי שטארק איז די קדושה פון שבת.

ווירקליך האט רבי עמרם געפילט ווי א שווערע אחריות ליגט אויף אים, צוליב די עֲרֵבוּת וואס מיר האבן מקבל געווען אויף זיך אין עַרְבֹת מוֹאָב, און ער האט זיך נישט באַרואיגט ביז ער האט געהערט אז דער ענין איז געווארן מסודר ווי אמבעסטן, און אז דער יונגל האט געהערט די ווערטער און עס אנגענומען!

•••

יונגערהייט, פלעגן מיר דאווענען אינעם פינסק-קארלינער בית המדרש דא אין ירושלים עיר הקודש תובב"א, און פילע וואונדערליכע זאכן זענען געבליבן אויסגעקריצט ביי מיר אין זכרון פון די געהויבענע חסידים ואנשי מעשה, וואס האבן זיך דארט געפינען.

איינס פון די זאכן וואס האבן שטארק בולט געווען אין אט דעם אלטן קארלינער שטיבל, איז געווען דער וואונדערליכער מחזה וואס האט זיך איבערגע'חזר'ט ביי אלע זמני רצון און הייליגע צייטן, ווען עס איז איינגעפירט איבער די וועלט אז מען פאמערט מיט תפילות און תשובה, צי דורכן זאגן תהלים אדער מיטן לערנען ספרי מוסר און חסידות און זוהר הקדוש א.ד.ג., ווי אום ראש השנה פאר די תקיעות, אדער ביי די הפסקה איידער כל נדרי, און אזוי ווייטער אין אנדערע געהויבענע זמנים פונעם יאר, ווי אויך אום שבת קודש איידער תפילת שחרית. – פלעגן מערסטנס מתפללים פונעם שטיבל, יונג און אלט, נעמען די הייליגע גמרא אין האנט, און האבן געלערנט גמרא תוספות בעיון בעמל ויגיעה, ביז דאס גאנצע בית המדרש האט געקאכט, אזוי ווי מען וואלט יעצט געהאלטן אינמיטן א געוועגליכער סדר לימוד...

אויפן שטייגער ווי עס שטייט אינעם הייליגן ספר בית אהרן (ליקוטים דף קמד. טו"ב), אז צו לערנען 'גמרא' אינדערוואכן איידער עס ווערט ליכטיג, איז א בחינה פון גן עדן התחתון. און אום שבת איידער עס ווערט ליכטיג, איז א בחינה פון גן עדן העליון. – **איר זאלט לערנען א דף גמרא בעיון בשבת קודם התפלה, וואלט דער 'נשמת' איין אנדער פנים גיהאט.**

ווען א איד פלאגט זיך אין די הייליגע תורה, איבערהויפט אין די הייליגקייט און ריינקייט פונעם שבת, ווערט דער שכל גלייך! – ער הערט די גמרא אנדערש, ער הערט דעם 'נשמת' אנדערש, ער דערהערט דעם אויבערשטן!

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד
והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב
יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com
יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173